האָבן אויך די גזלנים, וואָס זענען געקרייציקט געוואָרן
מיט אים, אים פאַרגעוואָרפן.
45 און פון דער זעקסטער שעה אָן איז געוואָרן אַ
פינסטערניש איבערן גאַנצן לאַנד ביז דער ניינטער
46 שעה. און אַרום דער ניינטער שעה האָט ישוע אַ
געשריי געטון מיט אַ הויך קול, אַזוי צו זאָגן: אלי
אלי למה שבקתני! דאָס באַטייט: ג-ט מיינער, ג-ט
47 מיינער, פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרלאָזט? און ווען
אייניקע פון די, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען, האָבן
עס געהערט, האָבן זיי געזאָגט: ער רופט אליהון!
48 און באַלד איז איינער פון זיי געלאָפן, און גענומען
אַ שוואָם, און זי אָנגעפילט מיט עסיק, און אַרויפ־
געטון אויף אַ שטעקן, און האָט אים געגעבן צו
49 טרינקען. די איבעריקע אָבער האָבן געזאָגט: וואַרט,
50 לאָמיר זען, צי אליהו קומט אים ראַטעווען. און
ישוע האָט נאָכאַמאָל אַ געשריי געטון מיט אַ הויך
51 קול, און האָט אָפּגעגעבן זיין גייסט. און זע, דאָס
פרוכת פון היכל האָט זיך צעריסן אין צווייען פון
אויבן ביז אַראָפּ; און די ערד האָט געציטערט; און
52 די פעלזן האָבן זיך געשפּאָלטן; און די קברים האָבן
זיך געעפנט; און אַ סך לייבער פון די, איינגע־
53 שלאָפענע קדושים זענען אויפגעשטאַנען; און זענען
אַרויס פון די קברים נאָך זיין תחית־המתים און
זענען אַריינגעקומען אין דער הייליקער שטאָט
54 אַריין און האָבן זיך באַוויזן צו אַ סך. און דער
אָפיציר און די מיט אים, וואָס האָבן באַוואַכט ישוען,
ווען זיי האָבן געזען די ערד־ציטערניש, און וואָס
עס איז געשען, האָבן זיך זייער געפאָרכטן, און
געזאָגט: ער איז באמת געווען דער בן־אלקים!
55 און דאָרט זענען געווען אַ סך פרויען, וואָס האָבן
זיך צוגעקוקט פונדערווייטנס, וועלכע האָבן נאָכ־